

באלערנד און אינפארמאטיוו

# יעמוד חזתן לתורה!

אין דער צייט וואס די וועלט איז איינגעזינקען אין טיפן שלאף, זיצן קבוצות פון צענדליגער געהויבענע בני עלי' איבערגעבויגן איבער די גמרות און הארעווען על התורה ועל העבודה נאכט נאך נאכט בהתמדה נפלאה /// אן ערשטמאליגער אינפארמאטיווער אינטערוויו מיט האברך החשוב, פעולותיו חובקות זרועות עולם, **הרב נחמי' האפפמאן**, ענערגישער מייסד, מחולל און פיאנער פון בארימטן "כולל-חצות", וואס דעקט אויף פאר "מאָמענט" וויאזוי ער האט פארוואנדלט זיין פערזענליכן קשר צו לימוד התורה בלילה וואס ער האט קונה געווען אין ירושלים, צו א מאניפעסטאציע פון התמדה ועמל התורה מיט עטליכע לאקאלן און קרוב צו הונדערט תלמידי חכמים מופלגים /// חצות לילה אקום!

מאיר שטיין



**״כולל חצות!״**

א נאמען וואס קלינגט איבעראל און דארף שוין היינט צוטאגס נישט קיין פירושים אדער הקדמות, באקאנט ביי אלעמען אלס דער אייגנארטיגער בית אולפנא רבתי אין וועלכן עס האדעווען זיך לגיונות פון תלמידי חכמים, וואס האבן גענומען דעם הייליגן אור-אלטן מנהג קדוש פון אויפשטיין האלבער נאכט צום לערנען ביז צו הלכה למעשה, און הארעווען דורך די נעכט אויף הוויות דאביי ורבא מיט א התמדה צום שטוינען.

אויפצושטיין צו חצות הלילה איז בכלל נישט קיין לייכטע זאך! ווי שווער איז אונז אנגעקומען ארויסצוקריכן פון בעט אום א׳ סליחות... ווער רעדט נאך אויפשטיין האלבער נאכט, און דערצו מיט א קביעות נאכט נאך נאכט. זומער איז הייס און ווינטער איז פראסטיג קאלט און דאס פאדערט כסדר׳דיגע אומערמידליכע מסירת נפש און א ברענענדיגע אהבת התורה.

אבער אין דער צייט וואס וואס מיר זענען איינגעוויקלט אונטער דער ווארעמער דאכענע, מ׳האלט שוין ביי דעם ויקץ ויחלום שנית, געפינען זיך אין ביהמ״ד אט די געהויבענע קבוצה פון קרוב צו הונדערט יונגעלייט, וואס רייסן פון זיך שטיקער און זענען מנדד שינה מעיניהם, זיצנדיג ווי צוגענאגלט צום שטענדער ווי די אמאליגע עמלים בתורה. די וועלט איז שטיל, די לופט איז לויטער, און מ׳לערנט תורה. תורה מתוך הדחק, תורה בטהרה, תורה ברציפות, תורה בחבורה, תורה בעמל ויגיעה, ווייט פון מענטשליכן אויג, אן קיין שום אנערקענונג, פאר א מינימאלער געהאלט. א העכערע, ריינערע סארט תורה, א תורה אויף וועלכער עס לאזט זיך זאגאר זאגן אז אויף איר שטייט די וועלט.

די היכלי כולל חצות זענען באקאנט, איר מטרה איז וואויל באוואוסט, די תורה-צענטערן זענען ברייט אפן און יעדער קען אריינקומען און מיטהאלטן דעם וואונדערליכן בילד. די שמירה אויף דער שטאט, די זכותים, די ישועות און רפואות וואס זי איז משפיע פאר כלל ישראל זענען אויך נישט קיין סוד. אומצאליגע אידן דערציילן אפענע זאכן ווי זיי זענען געהאלפן געווארן בזכות פון שטיצן די תורה פון ״כולל-חצות״, וואס איז דאך די גרעסטע סגולה, תורה מגיני ומצלי, ותלמוד תורה כנגד כולם. אבער ווער איז דער העלדישער גיבור וואס שטייט אונטער דער געשיכטע? ווער איז דער איניציאטאר? וואס טרייבט אים? און וואס איז זיין ציל? ווער איז דער נחבא אל הכלים וואס באהאלט זיך אונטער דעם מאסיוון תורה אפאראט?

אנדערש ווי ס׳וואלט זיך געלאזט פארשטעלן איז כולל חצות נישט געגרינדעט געווארן דורך א געניטן ארגאניזאטאר, צי א טיכטיגן פאנדרעיזער, דער חשוב׳ער מייסד און ראש הכולל הרב נחמי׳ האפפמאן שליט״א, פון קרית יואל, איז א ריכטיגער אב בחכמה ורך בשנים, אן איידעלער יושב אהל, אליין א גרויסער מבקש און מתמיד בתורה, וואס כאטש זיין אומצאליגע טרדות איז ער אן אקטיווער חבר כולל חצות און לערנט דורך א שיין ביסל נעכט פון דער וואך, און איז אריינגעטאנצן אין דעם פראיעקט אן קיין שום פערזענליכע אינטערעסן, בלויז פאר דעם איין איינציגן מטרה, ווייל ער האט געזען א חלל פאר די אויגן, ווי דער ענין פון אויפשטיין צום לערנען ביי חצות וואס איז אלע דורות געווען דער יסוד היסודות, איז כמעט ווי פארגעסן געווארן.

ומיגו דזכי לנפשי׳ זכי נמי לאחריני, דערנאך וואס ער האט געזוכט פאר זיך א ווינקל צו לערנען ביי חצות האט ער געוואלט מזכה זיין אנדערע אידן און געבן פאר תלמידי חכמים די מעגליכקייט צו ווידמען אויך די נאכט שעות פאר לימוד תורה. אט דערפאר איז כולל חצות צושטאנד געקומען, און אט דערפאר עקזיסטירט זי ביז צום היינטיגן טאג.

פון איין כולל איז מיט א געוואלדיגן סייעתא דשמיא געווארן מערערע. כולל חצות איז היינט מער נישט קיין כולל, נאר א ״מבצר הכוללים״. און דערפאר גיט ער אוועק זיין כח און מח, און יא, ווי איבערראשנד ס׳הערט זיך, אויך זיין געלט, בשעת וואס די לעצטע פרוטות פון זיין אפגעשפארטע געלט ווערט אריינגעגאסן אין דעם צוועק.

---

צו דער צייט וואס כלל ישראל גרייט זיך צום סיום התורה דעם קומענדיגן שמחת תורה, קענען מיר נישט איבערהיפן די געלעגנהייט פון אפהאלטן א שמועס מיט׳ן חשוב׳ן ראש הכולל שליט״א, וואס האט געהאט די זכי׳ צו אוועקצושטעלן אזא מפעל אין וועלכן עס איז באשיינפערליך שמחת התורה א גאנץ יאר.

עס איז אנגעשטרענגטע טעג, אויב א גאנץ יאר ליגט אויפ׳ן ראש הכולל שליט״א א לאסט פון ממלא זיין גרונם של תלמידי חכמים, ווער רעדט נאך אצינד אין די ערב ימי החג, ווען מ׳דארף צו



שטעלן געהאלט, מ'דארף מפרנס זיין די תלמידי חכמים הסמוכים על שלחן כולל חצות, הם ובניהם ונשותיהם, אז זאלן קענען אריינברענגען א ליכטיגן יום טוב. דאך האט דער חשוב'ער ראש הכולל שליט"א באוויליגט אראפצו'גנב'ען עטליכע טייערע מינוטן פאר "מאמענט" אויפדעקנדיג פון הינטער די קוליסן אלץ איבער דער היסטאריע פון כולל חצות, די גרינדונג, די טעגליכע אפעראציעס און אלעס בשייכות פון דעם הייליגן כולל.

צווישן די שורות שיילט זיך ארויס א זעלטענע געשיכטע פון בראווע מסירת נפש און אפפערוויליגקייט פון א צורבא מרבנן, מעמיד צו זיין דעם עול תורה, און אנפירן מיט אזא תורה-אימפעריע וואס פארשפרייט, באפעסטיגט, און איז מחזיר עטרה ליושנה דעם "כל הלומד תורה בלילה חוט של חסד משוך עליו ביום" אויף אן אויסערארדנטליכן און פרעצעדענטלאזן פארנעם.

## להחזיר עטרה ליושנה: אויפשטיין לערנען צו חצות

**א איד דארף לערנען טאג און נאכט, אבער א "כולל חצות" קען זיך הערן ווי א נייעם באגריף. וויאזוי איז אייך נולד געווארן דעם אייגנארטיגן געדאנק?**

דאס איז ממש א פונדאמענטאלע טעות וואס איך הער גאנץ אפט פון מענטשן כאילו כולל חצות איז א נייע זאך. פאקטיש איז אויפשטיין לערנען ביי חצות געווען אין אלע דורות א יסודות'דיגע טייל פון דעם סדר היום פון יעדן עובד ה'.

קוקט אריין אין די ערשטע דריי סעיפים פון שלחן ערוך אנהויב אורח חיים ווי דער מחבר ממש קאכט אין דעם ענין פון אויפשטיין צו חצות און ברענגט דאס אלס א הלכה פסוקה למעשה.

כולל חצות איז דעריבער בכלל נישט קיין "געדאנק" אדער אן "איידיע..." נאר אזוי האבן זיך געפירט ערליכע אידן צי אפילו פשוט'ע אידן אין אלע דורות. וואו ס'איז נאר געווען א צדיק האט מען געוואוסט אז צו חצות שטייט מען אויף צום לערנען. אלע ספרי מוסר ויראה זענען פול דערמיט. איז אלזא "כולל חצות" נישט קיין נייער דערהער, צי אן אויסגעטראפענע סגולה... פונקט פארקערט, מיר האבן מחזיר געווען עטרה ליושנה עפעס וואס כל גדולי ישראל האבן זיך געפירט אין אלע דורות.

אפגערעדט אז אין פנימיות התורה איז דאס פון די סאמע יסודי היסודות. דער זוה"ק רעדט 127 מאל פון דער גרויסקייט אויפצושטיין צו חצות. דער בן איש חי זצ"ל שרייבט אז עס איז נישטא קיין איין פרשה וואו רבי שמעון זי"ע זאל נישט דערמאנען כאטש צוויי מאל די קריטישע נחיצות פון אויפשטיין צו חצות. עס שטייט אין זוה"ק אז דוד המלך האט זוכה געווען צו אלע זיינע מדריגות און די מלוכה פאר אים און זיינע קינדער עד סוף כל הדורות אין זכות פון אויפשטיין צו חצות, ווי די גמרא פארציילט אויף דוד המלך אז ער איז אויפגעשטאנען יעדע נאכט צו חצות הלילה.

דער אמת איז אז איינמאל מ'קומט צום טעם דארף מען שוין נישט קיין הסברים אדער מקורות דערצו, מ'קען דאס ממש נישט אויפגעבן, ס'איז ווי אריינקומען אין א נייער וועלט וואס מ'האט ניטאמאל געוואוסט אז עס עקזיסטירט. ס'הערשט א רואיגקייט, קיינער שטערט נישט, מ'קען לערנען שעות נאכאנאנד און ס'דערהייבט א מענטש. מבשרי אחזה, ווער ס'טוט דאס פאר א שטיק צייט וועט אלעמאל בלייבן מיט א בענקשאפט דערצו.

**וואס איז פשט אז אזא פשוט'ע און יסודות'דיגע נקודה אין אידישקייט און לימוד התורה איז כמעט ווי פארגעסן געווארן?**

ס'הערשט א רואיגקייט, קיינער שטערט נישט, מ'קען לערנען שעות נאכאנאנד און ס'דערהייבט א מענטש. מבשרי אחזה, ווער ס'טוט דאס פאר א שטיק צייט וועט אלעמאל בלייבן מיט א בענקשאפט דערצו

איך האב געלערנט אין ירושלים אלס בחור וואו איך האב קונה געווען דעם ענין פון לימוד התורה בחצות. אין די ירושלימ'ער געסלעך, צווישן די געהויבענע יקירא קרתא דשופריא, איז עס בכלל נישט אזא זעלטנהייט, נאר גאנץ א נארמאלע זאך.

אבער מסכים, אז עס איז אין גרויס טייל פארגעסן געווארן ספעציעל דאהי, און די סיבה איז גאנץ פשוט, אמאל איז זעקס אזייגער געווארן שטאק טונקל און מ'האט נישט געהאט וואס צו טון אויסער לערנען צו דער שיין פון א ליכט אדער זיך גיין לייגן שלאפן.

היינט אבער, נאכ'ן אויסטערוף פון עלעקטריק, האט עס געברענגט אז מענטשן זאלן אויפזיין ביז שפעט, און ווי קען מען אויפשטיין צו חצות אויב ביי חצות האט מען זיך נאכנישט געלייגט...

## כל הלומד תורה בלילה חוט של חסד משוך עליו: די התייסדות פון כולל חצות

**ווען און וויאזוי איז כולל חצות געגרינדעט געווארן?**

דער כולל האט געעפנט די טירן צו איר ערשטן לאקאל אומגעפער פינף יאר צוריק, אום אייר תשע"א. די ערשטע לאקאל איז געווען אין קרית יואל.

עס איז געווען אנדערטהאלבן יאר נאך מיין חתונה, ס'האט מיר זייער געבענקט צו די נעכט אין ירושלים איבער דער גמרא, האב איך געלייגט קלאסיפיידס אין די לאקאלע בלעטלעך, און ווי נאר מיר האבן געהאט מנין האט מען זיך געזעצט לערנען, און א כולל חצות איז געבוירן געווארן...

מיר האבן זיך סטאנציאנירט אינאיינעם מיט פערצן יונגעלייט אין בית המדרש בית מרדכי אין קרית יואל, וואו דער כולל גייט אן זינט דאן לשם ולתפארת. פארשטייט זיך אז איידער דער כולל איז געעפנט געווארן האבן מיר דאס דורכגערעדט מיט עטליכע גדולי ישראל וואס האבן געגעבן זייער פולסטע הסכמה און ווארימסטע שטיצע דערפאר.

**וואס איז געווען אייער פינאנציעלער חשבון מתחילה, וויאזוי האט איר געפלאנט אויסצוהאלטן דעם כולל?**

איך האב געהאט אוועקגעלייגט פופציג אלפים נאך מיין חתונה, און מיט דער רשות פון מיין פרוי, האב איך דאס מקדיש געווען פאר'ן כולל.

אז אויפ'ן ערשטן זמן בין איך געדעקט, בין איך אריינגעשפרינגען דעריין. מיין חשבון איז געווען אז אפילו אויב דער כולל וועט אנהאלטן בלויז איין זמן לוינט זיך מיר נאך אלץ... כ'האב געהאפט אז ביז צום קומענדיגן זמן וועט מען אנהויבן שאפן געלט און דער אויבערשטער וועט העלפן.

**די 50 אלפים האבן זיך מסתמא זייער שנעל געענדיגט, וויאזוי האט מען ווייטער פינאנצירט דעם כולל?**

למעשה האט מען טאקע געדארפט אנהויבן שאפן געלט. ס'איז פשוט נישט געווען מעגליך פאר מיר אליין, א יחיד, א כולל יונגערמאן, דאס אויסצוהאלטן אויף דער אייגענער האנט.

מתחילה האט מען אנגעהויבן מיט "וואכנאכטס", מ'האט אנגערופן אידן בעלי שמחה זאלן זיך משתתף זיין, און די תורה וועט זיין מוקדש לזכות פונעם קינד און די יולדת. דאס שטייט נאך פון רש"ש זצ"ל, אז ווער עס קען נישט אליין לערנען א גאנצע נאכט זאל צאלן פאר א מנין אידן תלמידי חכמים, און ער שרייבט קלאר, אפילו אויב זיי קענען נישט לערנען בבית היולדת, איז עס נאך א געוואלדיגע זכות פאר'ן רך הנימול און פאר דער יולדת אז מ'זאל לערנען אין אנדערן פלאץ און ארויסזאגן אז מ'לערנט "לקדושת הילד", אז דאס קינד זאל זיין אפגעהיטן.

דער גאנצער קאנצעפט פון "כולל-חצות" איז אנהויב געווען זייער פרעמד, מענטשן האבן נישט געכאפט פון וואס מ'רעדט. א מנהל פון א כולל חצות אין ארץ ישראל האט מיר פארציילט ווי ער פלעגט קומען קיין אמעריקע נאך געלט און אהיימגיין מיט ליידיגע הענט. דער עולם האט פשוט נישט פארשטאנען וואס ער וויל...

ווען מיר האבן אנגעהויבן האט מיר ממש געשפיגן בלוט צו שאפן געלט, ס'איז געווען נאך אין די שווערע עקאנאמישע צייטן און כ'האב מיך ממש געגעסן דאס געזונט ווי דער ציבור פארשטייט בכלל נישט פון וואס מ'רעדט דא.

שפעטער האבן מיר אנגעהויבן אריינלייגן אנאנסן מיט אן אינהאלט פון ספרים הקדושים וואס רעדן איבער דער געוואלדיגער מעלה און זכות פון לערנען תורה ביי חצות. פון צייט צו צייט האט מען אויך געלייגט מעשיות און סיפורים פון פריערדיגע ספרים הקדושים ווי אידן זענען געהאלפן געווארן אין זכות פון לימוד התורה ביי חצות.

למעשה האט דער ציבור געוואלט הערן נאך און נאך געשיכטעס און דאס איז געווען דאס מערסטע פראדוקטיוו פאר פאנדרעיזינג, האט מען געלייגט איין וואך א מעשה און איין וואך אן ענין איבער דער מעלה פון חצות גענומען פון ספרים הק'.

ווען מיר זענען אויסגעלאפן פון אלטע מעשיות און סיפורים וואס דערציילן איבער ישועות וואס ווערט געברענגט אין פריערדיגע ספרים האבן מיר אנגעהויבן אנאנסירן פון פערזענליכע געשיכטעס וואס אידן האבן אריינגערופן איבערגעבן ווי זיי זענען געהאלפן בזכות פון כולל חצות. דאס זענען אלעס הונדערט פראצענט אויטענטישע געשיכטעס אָן קיין שמץ פון גוזמא אדער כחל ושרק, מיר טוען בלויז טוישן מינדערוויכטיגע פרטים צו היטן אויף די פריוואטקייט פונעם בעל המעשה.

זינט אונזער העפטיגן קאמפיין האט מען באדייטנד באוויזן איבערצומאכן דעם דעת



הקהל ב"ה און עס קומט אונז אן פיל גרינגער דאס שאפן דאס געלט. דער ציבור האט אנגעהויבן כאפן די חשיבות דערפון, אז דאס איז בכלל נישט קיין ערזאץ צו לימוד התורה בייטאג, נאר פונקט פארקערט, מתמידים וואס זענען מנדד שינה מעיניהם.

עס דארף דערמאנט ווערן לשבח אונזער חשוב'ן אדמיניסטראטאר האברך החשוב ר' אברהם חיים גאלדמאן הי"ו, וועלכער גיט זיך אוועק בלב ונפש פאר די כוללים, יומם ולילה לא ישבותו, און זעט ב"ה א געוואלדיגע הצלחה אין זיין הייליגער ארבעט.

## ורוח הקודש אומרת כן יפרוץ: די אויסשפרייטונג פון כולל חצות

**כולל חצות איז היינט א ברייט פארשפרייטע נעץ פון כוללים אין פארשידענע געגנטער, פארציילט אונז וויאזוי עס האט זיך פארברייטערט**

וואס האט זיך אנגעהויבן אלס א חלום איז בליץ שנעל געווארן א ברייטפארצווייגטע אונטערנעמונג, און מיר האבן היינט פיר לאקאציעס מיט אומגעפער צוויי מנינים לומדים אין יעדן לאקאל.

ווי געזאגט האט זיך עס אנגעהויבן אויף א קליינעם פארנעם, דער פארלאנג האט אבער געהאלטן אין איין וואקסן, מיין ציל איז געווען צו געבן די געלעגנהייט פאר ווי מער יונגעלייט תלמידי חכמים זיך אנצושליסן אין אזא סארט מסגרת, אז זיי זאלן קענען אויסנוצן די נאכט שעה'ן אויף לימוד התורה מיט א קביעות אינאיינעם בחבורה, און באקומען א שטיקל תמיכה צו דער זייט.

**עס איז געווען אנדערטהאלבן יאר נאך מיין חתונה, ס'האט מיר זייער געבענקט צו די נעכט אין ירושלים איבער דער גמרא, האב איך געלייגט קלאסיפיידס אין די לאקאלע בלעטלעך, און ווי נאר מיר האבן געהאט מנין האט מען זיך געזעצט לערנען, און א כולל חצות איז געבוירן געווארן...**

אום שבט תשע"ג האבן מיר געעפנט דעם כולל אין מאנסי, סטאנציאנירט אין פראכטפולן ביהמ"ד טאשנאד, וואס דער חשוב'ער טאשנאדער רב שליט"א איז בכלל זייער איבערגעגעבן צום כולל. אום זעלבן יאר אום ניסן תשע"ג האבן מיר געעפנט דעם כולל אין וויליאמסבורג, סטאנציאנירט אין ביהמ"ד בביתו של הרה"ק מסאטמאר זי"ע אויף 500 בעדפארד עוו. דאן אום אלול תשע"ג האט מען געעפנט דעם כולל אין מירון, ביים ציון פון התנא האלוקי רבן שמעון בר יוחאי זי"ע, אין חדר יעקב אבינו אויף דער מרפסת הכהנים. חצות איז דאך רבי שמעון'ס זאך אליין און א כולל חצות ביי רבי שמעון'ען איז דאך ממש צוגעפאסט.

יעדע חבורה באשטייט פון אומגעפער צוויי מנינים יונגעלייט, דארונטער א מנהל און סגן מנהל, וואס זענען ממונה אויף דער ספעציפישער חבורה אז אלעס זאל קלאפן.

**איז דא עפעס באדייטנדע דיפערענצן פון איין כולל צום צווייטן?**

בדרך כלל נישט. איבעראל איז עס בערך די זעלבע.

כ'וועל מיך אבער טרויען צו זאגן אז דער כולל חצות אין וויליאמסבורג איז אביסל אנדערש ווי אנדערע, ווייל דאס איז די ריינסטע תורה לשמה, ממש בלתי לה' לבדו!

וואס איך מיין צו זאגן, אז געוועונליך דעקט זיך א כולל דורך נדבות פון איינוואוינער פון דער געגנט וואס פארשטייען דעם חשיבות הענין און ווילן האבן א חלק אין דער עמל התורה ביי זיי אין שטאט וואס איז מגיני ומצלי. פון וויליאמסבורג קומט אבער לעת עתה כמעט נישט אריין קיין נדבות, די שטאטישע איינוואוינער דערהערן נישט גענוג די אומגעהויערע חשיבות און דער כולל ווערט אויפגעהאלטן אין שטאט ריין לשם שמים, אלס א זיכוי און א זכות פאר תושבי העיר.

עס וואלט נישט געדארפט זיין אזוי. ווען אידן וואלטן געכאפט פון וואס פאר א יונגעלייט מ'רעדט דא און פון וואס פאר א ריינער תורה דא האנדלט זיך, וואלט מען געשטאנען אין דער רייע צו קענען האבן א חלק אין זייער תורה. האפנטליך וועט זיך דאס טוישן אין דער נאנטער צוקונפט, און זאל אונזער שמועס האבן א טייל אין דעם שינוי לטובה...





# לא איברא לילה אלא לגירסא: דער געהויבענער דמות פון א "כולל-חצות" יונגערמאן

**פארוואס זאל א יונגערמאן וועלן ווערן א טייל פון כולל חצות, פארוואס לערנען ביינאכט אנשטאט בייטאג?**

איר מאכט מיך שמייכלען...

כולל חצות באשטייט פון יונגעלייט תלמידי חכמים מופלגים וואס זיצן און הארעווען א גאנצן טאג אין כולל, אייגנטליך די שענסטע און שטערקסטע יונגעלייט וואס די היכלי הכוללים פארמאגן. דא רעדט מען נישט פון יונגעלייט וואס שלאפן בייטאג... קיינער קומט נישטא לערנען ביינאכט אנשטאט בייטאג.

דאס זענען די מתמידים עצומים וואס לערנען זעכצן ביז אכצן שעות א טאג, די צוקונפטיגע מורי הוראות און מרביצי תורה פאר כלל ישראל. צווישן די חברי הכולל ציילן זיך חשוב'ע דיינים, אפילו רבנים און ראשי הכוללים.

די יונגעלייט מוטשען זיך מיט א פראבלעם, נעמליך, דער טאג איז נישט גענוג לאנג!... דעריבער שליסן זיי זיך אן אין אט דעם נאכט-סדר צו קענען משלים זיין נאך עטליכע שעות רצופות.

איך דארף אייך נישט מסביר זיין די בענעפיטן פון לערנען ביינאכט, ווען ס'איז נישטא קיין שום טרדות, קיינער רופט נישט און קיינער זוכט נישט דעם לומד, די וועלט שלאפט און מ'קען לערנען מיט א רואיגקייט.

לערנען תורה אין די נאכט שעות איז אלעמאל געווען א יסוד היסודות וויאזוי אויסצוואוקסן א תלמיד חכם! די גמרא זאגט דאך "לא איברא לילה אלא לגירסא", און ווי באקאנט שרייבט דער רמב"ם אז א מענטש איז קונה רוב פון זיין תורה ביינאכט, ווי דער הייליגער לשון הרמב"ם איז: "אין אדם לומד רוב חכמתו אלא בלילה. לפיכך מי שרצה לזכות בכתר התורה, ייזהר בכל לילותיו, ולא יאבד אפילו אחת מהן."

כ'מיין, אז נאך אזא רמב"ם איז שוין נישט שווער פארוואס א יונגערמאן זאל זיך אנשליסן אין כולל חצות...

**אויב זענען זיי טאקע מקיים דעם "ובהם נהגה יומם ולילה" אין באשטיינפערליכן זין פון ווארט, ווען שלאפן די יונגעלייט?**

אויב איז דא דער רצון איז דא א וועג, און ווי געזאגט, מ'רעדט נישט דא פון אלגעמיינע כולל יונגעלייט, נאר דייקא מסלתה ומשמנה, און זיי גיבן זיך אן עצה. דער סדר הויבט זיך אן פינקטליך צו חצות הלילה און אז מ'לייגט זיך אפאר שעה פריער קען מען קומען אויסגערוט.

איינס פון די הויפט תקנות הכולל איז טאקע, אז מ'מוז שלאפן כאטש עטליכע שעה איידער מ'קומט אין כולל צו חצות. נאך שחרית כותיקין קען מען זיך ווידעראמאל אראפלייגן פאר א שעה אדער צוויי, אזוי, אז צען אזייגער אינדערפרי, איז מען געהעריג צוריק אין כולל פריש גרייט צו דער עבודת הקודש.

**וואס איז דער סדר הלילה אינערהאלב כולל חצות?**

אום זומער שטעלט מען זיך דאווענען מעריב פערטל צו איינס, און איינס אזייגער זעצט מען זיך לערנען; אום ווינטער הויבט מען אן לערנען 12:45.

דער סדר הלימוד לויפט ביז ס'הייבט אן

די יונגעלייט מוטשען זיך מיט א פראבלעם, נעמליך, דער טאג איז נישט גענוג לאנג!... דעריבער שליסן זיי זיך אן אין אט דעם נאכט-סדר צו קענען משלים זיין נאך עטליכע שעות רצופות.



טאגן, דעמאלט דאוונט מען שחרית כותיקין, וואס איז פאר זיך אליין א גרויסע מעלה מדיני דגמרא, כאנשים ענוים וחסידים המחבבים את המצות, און דערנאך גייט מען אהיים.

**וואס איז דער פראצעדור פון זיך איינשרייבן אין דעם ספעציעלן כולל?**

ווען א יונגערמאן קומט זיך איינשרייבן דארף ער אויספילן אן אפליקאציע מיט פארשידענע וויכטיגע אינפארמאציע, צום ביישפיל וועלכער כולל ער לערנט דורכ'ן טאג און ווער זיין ראש הכולל איז. אויך פרעגט מען דעם יונגערמאן א פינקטליכן פלאן, ווען ער רעכנט צו שלאפן די מינימום זעקס שעה אין א מעת לעת.

פאר מיר נעמען אן א יונגערמאן וועלן מיר אלעמאל זיך פארבינדן מיט זיין ראש הכולל זיכער מאכן אז ער איז געאייגנט דערפאר, ער איז מוכשר צו זיצן און לערנען א גאנצע נאכט, און הויפטזעכליך, אז עס וועט נישט אויסקלאפן אויף זיין סדר היום דורכ'ן טאג.

נאך א וויכטיגער פונקט: יעדער יונגערמאן מוז ברענגען א חתימה פון זיין פרוי אז זי איז מסכים בחפץ לב אז ער זאל זיין אוועק פון שטוב דורכאויס די נאכט שעות, אן דעם קומט נישט אין באטראכט פון קענען ווערן א חבר הכולל.

**וויאזוי קלאפט טאקע אויס אויפ'ן שטוב אזא ווערטשאפט פון זיך לייגן גאר פרי און זיין אפוועזנד נאכט נאך נאכט?**

א כולל חצות יונגערמאן מיינט אז ער לעבט מיט א מורא'דיגער אויסגערעכנטקייט אויף זיין צייט, ער האט נישט קיין מינוט פריי, ווייל צו קענען מצליח זיי מוז ער זיך האלטן צו א הונדערט פראצענטיגן אויסגערעכנטן סקעדזשול, ער מוז זיך לייגן און אויפשטיין אין צייט, און ער האט נישט קיין רגע צו גיין ליידיג.

עס האט מיר פונקט געזאגט דער מנהל פון דער ארץ ישראל'דיגער חבורה, ווי ער זעט בחוש אז לעבן מיט אזא פינקטליכן סדר העלפט נאר ארויס סיי פאר'ן שטוב און סיי פאר'ן יונגערמאן. יונגעלייט זאגן אים כסדר ווי זיי זענען ממש אויפגעראכטן געווארן אין אלע הינזיכטן אדאנק כולל חצות.

פראקטיש קען עס אויך זיין א הילף פאר די שטוב, ווייל דער יונגערמאן וועט זיין אינדערהיים אין די קריטישסטע שעות פון טאג צוצוהעלפן אין שטוב, דאס הייסט צופרי ווען די קינדער פארן אפ אין חדר, און ביינאכט ווען די קינדער דארפן גיין שלאפן, קען ער זיין דערביי צוצולייגן א פלייצע, און עס קען זיין א געוואלדיגע הילף צום שלום בית און שטוב ווערטשאפט.

**צוריק אין ביהמ"ד אריין, איז דא א ספעציעלער סדר הלימוד, אדער יעדער לערנט ממה שלבו חפץ?**

דאס איז די אייגנארטיגקייט פון דעם כולל, אז יעדער קען לערנען וואס ער וויל און וואו זיין הארץ באגערט, ווייל ווי געזאגט, איז דער כולל אויסגעשטעלט פאר יונגעלייט וואס ווילן משלים זיין נאך עטליכע שעה צו די טאג שיעורים, און דעריבער איז מען געוויינליך ממשיך די געוויינליכע מקצועות וואס מ'לערנט בייטאג. איינער פון די יונגעלייט מיט וועמען איך בין נאנט איז א שואל ומשיב א גאנצן טאג אין כולל, און ביינאכט קוקט ער זיך פאר...

פון אזויפיל יונגעלייט פון עטליכע אפטיילונגען קומט אויס אז איינאיינעם זאל מען דעקן ממש אלע מקצועות התורה, און איין מאל א יאר קומט פאר א גראנדיעזע סיום הש"ס געלערנט דורך די לומדי הכולל.

די יונגעלייט זענען טאקע א געוואלדיגע ברכה אין זייערע לימודים, צום ביישפיל, נישט לאנג צוריק האט א חבר הכולל פון מאנסי מסיים געווען גאנץ ירושלמי.

**חצות איז א געהויבענער זמן ספעציעל מסוגל צו לערנען תורת הנסתר, זענען דא יונגעלייט וואס לערנען קבלה?**

דער קורצער ענטפער איז ניין!

דער כולל זעט אויס פונקט ווי סיי וועלכע אנדערע כולל וואו דער עולם הארעוועט אין גמרא תוספות מיט די ראשונים, אדער שלחן ערוך מיט די נושאי כלים. דער כולל איז אויסגעשטעלט ווי א געהעריגן כולל, און נישט געמאכט פאר מקובלים אדער בעלי סוד וכדו', נאר פאר אלגעמיינע תלמידי חכמים וואס לערנען נגלה. אין פאקט דארף זיך יעדער יונגערמאן צייכענען וואס איז זיין לימוד און וויפיל ער איז אנגעקומען וועכנטליך, אז מ'זאל טאקע זען א הצלחה און שטייגן אין ידיעות התורה.

פארשטייט זיך, אז א יונגערמאן האט געלערנט עטליכע שעה גמרא תוספות און דערנאך וויל ער עוסק זיין אין נסתר און לערנען אביסל זוה"ק, דעמאלט אשרי לו ואשרי חלקו, ואשרי העומדים על סודיך.

צומאל זעט מען געמאלדן אז די יונגעלייט וועלן זאגן פרשת הקטורת אדער אנדערע סגולות, איז עס טאקע נאר אין ספעציעלע זמנים וואס דער אר"י הקדוש זי"ע ברענגט אז מ'זאל זאגן די סגולה, און טאקע נאר די פאר מינוט וואס ס'נעמט צו זאגן פרשת הקטורת לזכות פון די נדבנים, און די איבעריגע רוב שעות זיצט מען און מ'הארעוועט.

**איז דא בין הזמנים אין כולל חצות?**

דער כולל איז אפן א גאנץ יאר, מיום כיפורים זה ועד יום כיפורים הבא, אפילו בעיתותי מועד ושבתות, אפגערעדט בימי ניסן ותשרי. מ'קען נישט מחייב זיין א יונגערמאן צו קומען אום שבת און מוצאי שבת, דערפאר האבן מיר ספעציעלע משמורות פאר אזעלכע צייטן.

געציילטע טעג, א שטייגער ווי חול המועד וואס מיר מאכן יא בין הזמנים און די יונגעלייט קריגן די אפציע צו ווערן באצאלט אפילו אויב זיי לערנען אינדערהיים, און די וואס קומען יא, באקומען עטוואס מער באצאלט. אגב, אין אזעלכע צייטן זענען פארהאן זייער ווייניג לומדי תורה און מ'קען זאגן אז אויף די תורה שטייט די וועלט.

**איר ווילט מיר זאגן אז מ'זיצט און מ'לערנט יעדע איינציגע נאכט פון יאר, וואס טוט מען אין פאל פון א שניי שטורעם?**

איך געדענק נישט אזא זאך אז דער כולל זאל זיין פארמאכט צוליב דעם וועטער.

איינמאל געדענק איך איז געווען א גאר שווערן שניי בליזארד וואס האט באשרענקט די

טראנספארטאציע מיטלען, האט מען אנגעהויבן אביסל שפעטער. איינמאל ביי א שניי, ווען איך האב געזען אז עס ווערט שפעט און די געוועגליכע טראנספארטאציע קומט נישט אן, האב איך גענומען מיין שווער'ס גרויסע "יוקאן" אויטאמאביל וואס פארט גוט אין א שניי און אליין ארומגעפארן עטליכע טריפס אפצונעמען די יונגעלייט... אין מאנסי האט מען אמאל גענוצט די געטרייע חברים מעמבערס אפצופירן די לומדי הכולל...

אין מירון איז אמאל געפאלן א שווערן שניי און מ'האט נישט געקענט פארן, האט מען אנשטאט געלערנט אין צפת.

עס האט מיר פארציילט א בעל הבית, ווי איין טאג האט ער געדארפט אויפשטיין גאר פרי און ס'דעמאלט געווען א שווערע שניי זאווארוכע, זעט ער ווי א יונגערמאן שטייט אויפ'ן שטראז און ווארט פאר א היטש. ער נעמט אים אריין אין די קאר און פרעגט וואס ער זוכט אין אזא שווערן וועטער אויף דער גאס, ענטפערט ער אז ער קומט יעצט פון כולל חצות. דער איד זאגט מיר אז ער האט ממש נישט געקענט גלייבן, ווי אין אזעלכע שווערע וועטערס ווען די גאנצע שטאט איז איינגעהילט אין ווייסן און קיינער דערוואגט זיך נישט שטעלן א טריט אינדרויסן, זיצן א חבורה יונגלייט און לערנען דורך דעם גאנצן נאכט.

**דורכ'ן גאנצן יאר איז דער כולל קיינמאל נישט פארשלאסן?**

ניין. דער כולל געהערט נישט פאר קיין חסידות אדער קרייז, עס איז כלל ישראל'ס כולל, און דער רבי מאכט קיינמאל נישט חתונה, איז נישטא קיין סיבה צו פארשליסן דעם כולל... ערנסט גערעדט, איז דער כולל קיינמאל פארמאכט און איז אפן ממש א גאנצן יאר.

**אז דער ביהמ"ד איז אפן, ס'זיצן צוויי מנינים יונגעלייט און לערנען, מאכט זיך אז סתם אידן זאלן זיך צוזעצן מיטהאלטן דעם סדר הלימוד אינאיינעם מיט די יונגעלייט?**

הונדערט פראצענט. קודם כל באטייליגן זיך אומגעפער א מנין געסט אין אלע אפטיילונגען צו מעריב, זייענדיג באקאנט אלס א קביעות'דיגער שפעטער מנין אין שטאט. נאך מעריב ווערט אזא רוח פון תורה, אז אויטאמאטיש ווערן א באדייטנדע טייל מתפללים מיטגעשלעפט און זעצן זיך לערנען פאר א שעה צי א האלבע שעה.

דא דארף שטארק ארויסגעברענגט ווערן די נקודה אז אונזערע חברי הכולל זענען פעסטע קבועים, נאכט נאך נאכט די זעלבע יונגעלייט, נישט פשט אז אמאל קומט דער און אמאל יענער. נאר אין צוגאב זענען פאראן אידן קבועים וואס זוכן א ווינקל וואו מ'קען זיצן און לערנען דורכאויס די נאכט שעות, בפרט עלטערע אידן, און טרעפן כולל חצות אלס דער פאסיגסטער אדרעס. ווער רעדט נאך ליל שישי, קומען כסדר יונגעלייט און בחורים זיך אנשליסן אינעם סדר הלימוד.

מיר האבן אויך א ספעציעלן טעלעפאן סיסטעם וואס האלט די יונגעלייט אינפארמירט אזוי אז מ'זאל יעדן טאג קענען אנהויבן אין צייט.

**נעמט איר אריין עלטערע אידן אלס חברי הכולל?**

דער כולל איז אויסגעשטעלט מער פאר יונגעלייט, פרישע כוחות, וואס ווילן זיך משלים זיין אין זייערע לימודים, אבער נישט פאר עלטערע אידן צי מיטעליעריגע אידן וואס זענען ממילא אויף און קומען אין ביהמ"ד לערנען... אויסער געציילטע מיטעליעריגע תלמידי חכמים מופלגים, מחברי ספרים, וואס איז א כבוד אז זיי ציילן זיך צווישן די חברי הכולל, אבער טאקע ממש נאר יחידים.

**אויסער צוליב וועטער, האט זיך שוין אמאל געמאכט עפעס אן אויסערארדנטליכן פאל וואס מ'האט געמוזט אנהויבן שפעטער ווי געווענליך?**

איין פאל איז געווען טאקע יעצט זומער, ווען מען האט געמאכט איין נאכט א גראנדיעזע צוזאמקום אלס הכרת הטוב פאר די חשוב'ע נשים צדקניות פון די חברי הכולל וואס האבן ריכטיגע מסירת נפש פאר לימוד התורה וואס קומט בכלל נישט אן לייכט און זיי פארדינען דערויף דעם פולסטן אנערקענונג.

אלס שעצונג פאר די געטרייע נשים צדקניות

**ווען א יונגערמאן רופט אריין אין אפיס און פרעגט: "וואס צאָלט מען אין כולל חצות?" ווייס איך באלד אז ער איז נישט קאנדידאט פאר דעם...**







האט מען אראנזשירט א גאר רייכן אוונט. דער פראגראם האט זיך עטוואס פארשלעפט און די יונגעלייט האבן דאך געדארפט בעיביסיטן אינדערהיים, האט מען דאן געדארפט אנהויבן כולל אביסל שפעטער. אבער חז"ל זאגן דאך שוין, אז ביטולה של תורה זו היא קיומה, און דער חיזוק אוונט פאר די נשים איז גענוג א וויכטיגע אורזאך אז מ'קען נישט האבן דערויף קיין פאראיבל.

## כל המרבה בתחבולות מרבה תורה: די הוצאות והכנסות פון כולל חצות

**אויב מיר מעגן פארקירעווען דעם שמועס צום גשמיות'דיגן חלק, וואס צאלט מען פאר א יונגערמאן?**

ווען א יונגערמאן רופט אריין אין אפיס און פרעגט: "וואס צאלט מען אין כולל חצות?" ווייס איך באלד אז ער איז נישט קאנדידאט פאר דעם...

דאס געהאלט איז מינימאל. דער כולל איז געשטעלט פאר די וואס ווילן באמת זיצן און לערנען און די תמיכה איז נאר פון דער זייט, אבער נישט פאר די וואס ווילן רייך ווערן...

**נו, וויפיל?**

א יונגערמאן קריגט אכט הונדערט דאלער א חודש! דאס איז די געוועהנליכע תמיכה פאר פינף טאג א וואך, פאר שבת און מוצאי שבת קריגט מען נאך אכציג דאלער. בעפאר יום טוב העלפט מען די יונגעלייט מיט הוצאות החג מיט פעקלעך און באנוסעס.

**לוינט זיך פאר דעם אויפצוזיין א גאנצע נאכט?**

אויסדריקליך נישט! פינאנציעל גערעדט לוינט זיך עס נישט, אבער די יונגעלייט זענען אזעלכע וואס נפשם חשקה בתורה און זיי ווילן לערנען, דער געהאלט איז נאר ווי א מתן שכרה בצדה און א שטיפ אויף פאראויס.

פונקט לעצטנס האבן מיר געהאט א חשוב'ער רב וועמען מיר האבן מכבד געווען צו האלטן א דרשה ביי א מסיבת חיזוק פאר די יונגעלייט ביי איינעם פון די מנהלים אין שטוב. דער רב איז נישט געווען אזוי באקאנט מיט כולל חצות, פרעגט ער אונז, וועלכע סארט יונגעלייט לערנען דארט? די וואס זוכן אויפצוזיין ביינאכט?...

ווען דער רב איז אנגעקומען צו דער מסיבה איז ער ממש איבערראשט געווארן צו טרעפן דארט די סאמע שענסטע יונגעלייט תלמידי חכמים, אין טייל אזעלכע וואס ער קען פערזענליך און דאווענען ביי אים אין ביהמ"ד, ווי זיי זענען זיך משלים בתורה דורכאויס די נאכט שעות, ער האט טאקע געהאלטן א פייערדיגע דרשת חיזוק פול מיט התרגשות איבער דער גרויסער מעלה פון לימוד התורה פון חצות הלילה ואילך, און זינט דעמאלט דערמאנט ער כולל חצות ווען ער האט נאר א געלעגנהייט.

נאך אלעמען רעדט מען פון אן עבודה קשה שמקדש וואס פאדערט ממש מסירת נפש און פון צייט צו צייט קומט מען זיך צוזאם פאר א מסיבת מרעים און א דרשת חיזוק דורך א חשוב'ן רב ואיש את רעהו יעזורו ולאחיו יאמר חזק.

און דער אמת איז, אין כולל חצות איז כמעט נישטא אזא זאך ווי אפזאגן א יונגערמאן אדער א יונגערמאן זאל ארויספאלן. עס פאסירט פשוט נישט. אז א יונגערמאן איז נישט געמאכט פאר אזא סארט התמדה קומט ער מתחילה נישט. קיינעם גלוסט זיך נישט ארויסצושפרינגען פון בעט האלב נאכט נאר אויב מ'מיינט עס גאר אמת'דיג. לעצטנס איז געווען א יונגערמאן א תכשיט וואס האט גאר שטארק געוואלט ווערן א חבר הכולל און ער האט געדארפטווארטן א האלבן יאר ביז עס האט זיך געמאכט א ליידיגע זיץ.

**קומט מען צו די מולטי-מיליאן-דאלאר פראגע, מהיכן ירק זה חי? פון וואו לעבט די מאסיווע תורה'דיגע אונטערנעמונג?**

מיר האבן נישט קיין קהלה וואס זאל שטיין דערונטער, מיר האבן נישט קיין שטאטישע פראגראמען ווי די געוועהנליכע כוללים, און מיר מאכן נישט קיין דינערס אדער אפילס, מיר האלטן זיך אויף טאקע נאר פון נדבות פון אחינו בני ישראל, וואס שליסן א שותפות מיט כולל חצות.

א גרויס טייל פון אונזערע יונגעלייט זענען איינגעשלאסן אין א יששכר-זבולון געשעפט מיט אידן בעלי השגה וואס ווילן האבן א חלק פון די תורה בטהרה, און נעמען זיך א שותפות ערמעגליכן דעם כולל.

**אויב מיר מעגן פרעגן, וועלכע סארט אידן זענען די וואס שטיצן כולל חצות?**

ממש פון אלע סארטן, אנגעהויבן פון אידן נדיבים וואס קענען זיך ערלויבן און זוכן מחזיק צו זיין א תלמיד חכם בדרך כבוד, אידן וואס האבן א געפיל פאר דעם כל הלומד תורה בלילה חוט של חסד משוך עליו, ביז סתם ארבעטס יונגעלייט וואס ווילן האבן א יששכר-זבולון געשעפט.

און געוויס אויך אידן וואס זענען אנגעוויזן אויף דבר ישועה ורחמים געהאלפן צו ווערן מיט א ישועה וואס זיי ווילן געניסן פון דעם מוראדיגן

## איך בין טאקע נישט קיין מיליאנער אין בוכשטעבליכן זין, אבער אזא אוצר איז ווערד פיל מער פון געלט







מיט איינס פון אט די געהויבענע יונגעלייט און געניסן פון די געוואלדיגע זכות פון לימוד ועמל התורה אויף אזא געהויבענעם פארנעם.

**פעיראל איז א טייערע מעשה, אבער אויסער די הוצאות פון געהאלט פאר די יונגעלייט, וואס נאך קאסט אויפצוהאלטן אזא אפאראט?**

אין יעדער אפטיילונג איז סטאנציאנירט א מנהל און א סגן מנהל וואס זענען באאויפטראגט אז אלעס זאל קלאפן און זיי קריגן טאפלטע געהאלטן.

דערצו קומט צו די אפעראציע קאסטן ווי אויפהאלטן דעם אפיס, צושטעלן די טראנספארטאציע אין אלע פיר אפטיילונגען, און אויך מארקעטינג און אדווערטייזינג צו קענען באקומען די נויטיגע שטיצע וואס זאל

זכות פון ותלמוד תורה כנגד כולם, בפרט אזא ריינע תורה, דורך אזעלכע יונגעלייט, אין אזעלכע ריינע שעות וואס איז מסוגל פאר די גרעסטע ישועות און רפואות.

ווי פארשטענדליך זענען פאראן פארמעגליכע אידן בעלי השגה וואס שטייען צו דער האנט ווען עס מאכט זיך שווערע צייטן. איך דארף טאקע דערמאנען לטובה מיין חשוב'ן שווער, הרבני הנגיד מוה"ר זלמן לייב קאפפעל הי"ו, פון די בעלי בתים פון מהדרין דעיר', וואס שטייט שטענדיג צו דער האנט בסיוע שיש בו ממש, און זעענדיג ווי שווער דער עול הכספי ליגט אויף מיר, האט ער יעצט דעם פארלאפענעם אלול, אראנזשירט א הערליכע





מסיבה ביי זיך אין שטוב פאר זיינע ידידים און גוטע פריינט, וואס איז געווען א קאלאסאלע סוקסעס און באוויזן ארייצוברענגען הערליכע סומעס און געהאלפן שטופן דעם וואגן ווייטער.

**תכלית גערעדט, קיינער הערט דאך נישט וואס מיר רעדן, וואס נעמט מען ארויס אויפ'ן יאר פון אזא געשעפט?...**

לעצטנס בין איך געווען אויף א שבת אין דער קאנטרי און שמועסדיג מיט א פרעמדן איד ביי א קידוש, האב איך אים פארציילט אז איך שטיי אונטער כולל חצות. דעם איד'ס אויגן האבן זיך ברייט צעעפנט און ער רופט זיך אן: דעמאלט ביסטו דאך א מיליאנער!..."

די וואס קענען מיך ווייסן אז איך בין זייער ווייט פון א מיליאנער, און נישט איך אדער סיי ווער נעמען ארויס אין פעני ריווח פונעם גאנצן געשעפט.

איך וועל אייך פארציילן א סוד, איך האב א נאנטער מיינס וואס מוטשעט מיך כסדר פארוואס איך נעם נישט ארויס די ערשטע פופציג אלפים וואס איך האב אריינגעגאסן פון מיין אפגעשפארטע געלט. איך זאג אים אלעמאל, אז איך קען מיך נישט וואונטשן קיין בעסערע אינוועסטמענט ווי דאס אז א דאנק אט די געלט זיצן קרוב צו הונדערט יונגעלייט און לערנען נאכט נאך נאכט בהתמדה עצומה.

איך בין טאקע נישט קיין מיליאנער אין בוכשטעבליכן זין, אבער אזא אוצר איז ווערד פיל מער פון געלט, און פאר מיר האט זיך שוין הונדערט מאל אויסגעצאלט דאס געלט וואס איך האב אריינגעלייגט דערין פון מיין אייגענעם טאש.

**כולל חצות איז באקאנט מיט איר אייגנארטיגן און סוקסעספולן מארקעטינג קאמפיין, אויב איר פילט באקוועם צו דיסקוטירן, וואס קאסט אויפצוהאלטן אזא אמביציעזע מארקעטינג קאמפיין?**

אין דער וועלט איז אנגענומען אז מארקעטינג קאסט פון א דריטל ביז האלב די איינקונפט, ב"ה אז ביי אונז אין כולל חצות איז עס פיל פיל ווייניגער. דער אפיס איז אין מיין קעלער... און מיר פרובירן אלעס צו האלטן אויף דעם פראוויזארישסטן און ווייניגסט-קאסטבאארסטן פארנעם מעגליך. דערצו ווערן א טייל פון די מארקעטינג קאסטן געדעקט דורך אן ערנסטן וועד בעל הבתים וואס שטייען צו הילף.

אפילו פון די אדווערטייזמענטס שניידן מיר די ווינקלען וואו מ'קען נאר. אלע אונזערע אנאנסן לויפן על פי רוב נאר ביי-וויקלי צו שפארן די מערסטע וואס מ'קען, און יעדע דאלאר איז אויסגערעכנט. אבער נאך אלעמען זענען מיר געצנליך אנגעוויזן אויפ'ן קאמפיין ווייל דאס ברענגט די גאנצע הכנסה, ואם אין קמח אין תורה.

**למעשה, דעקט מען זיך מיט'ן בודזשעט?**

זייער שווערליך, מ'שטרענגט זיך אן צו צאלן אין צייט און די ערשטע געלט וואס קומט אריין גייט אלעמאל פאר די יונגעלייט. ס'איז אבער אין הקומץ משביע און מיר זיצן מיט א רויטער ליניע...

אונזער מטרה פון דעם שמועס איז נישט געלט און פאנדרעיזינג, אבער צום שלוס וויל איך זאגן אז טאמער איינער האט נאך אלץ דעם טעות אז כולל חצות איז א ביזנעס אדער איינער פארדינט דא עפעס, איז ער העפליך געלאדנט צו קומען איבערקוקן די ביכער. איך זאג אייך בנאמנות: עס האט נאך קיינער נישט ארויסגענומען א פרוטה אחת לפורטה, און קיינער האט נישט דערפון קיין געלט פארדינסטן – נאר רוחניות'דיגע געווינסן.

די העכסטע פריאריטעט איז צוזושטעלן די תמיכה פאר די יונגעלייט און הערשט דערנאך קומען די עטליכע איינגעשטעלטע וואס שאפן דאס געלט, ואני הקטן קאסט עס מיר נאר...

און טאקע דערפאר זענען די ארבעטערס אזוי געטריי ווייל זיי זעען ווי ממיינט לשם מצוה און זיי פילן זיך ווי ריכטיגע גבאי צדקה פאר די שענסטע צדקה צוועק נאר פאראן.

איך וועל אייך זאגן אן אינטערעסאנטע זאך, אלע מיטארבעטער וואס זענען נאר אמאל געקומען אין בארירונג מיט כולל חצות, די שרייבערס, די גרעפיקערס און אזוי ווייטער זענען אליין געווארן שותפים אין כולל חצות נאכ'ן זיך באקענען פון דער נאנט ווערנדיג איבערגענומען פון די הייליגע ארבעט.

די ארגאניזאציע ווערט געפירט גענצליך שלא על מנת לקבל פרס, מיט א הייליגן ציל פון מחזיק זיין תלמידי חכמים און מחזיר דעם ענין פון לימוד התורה בלילה ליושנה, און דערמיט ברענגען א שמירה אויף אידישע קינדער. אז איד גיט א נדבה קען ער זיין הונדערט פראצענט פארזיכערט אז עס קומט אן צום ריכטיגן מקור און דערמיט איז ער א ריכטיגער מביא דורן לתלמידי חכמים אויפ'ן שענסטן פארנעם. ■